**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/15/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שרייבט אונטער געזעץ צו פארברייטערן פיסגייער און ביציקליסטן זיכערהייט

### *געזעץ S.1078B/A.5084A פאדערט אנווייזונגען איבער פיסגייער און ביציקליסטן זיכערהייט אלץ טייל פון דרייווערס לייסענס קלאסן*

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן געזעץ S.1078B/A.5084A וואס פארלאנגט אז נייע דרייווערס זאלן לערנען איבער פיסגייער און ביציקליסטן זיכערהייט אויפמערקזאמקייט אלץ טייל פון די טעסט וואס זיי נעמען בעפארן באקומען א לייסענס און אלץ א תנאי צו באקומען א לייסענס צו מעגן דרייוון א קאר.

"מיין הויפט פריאריטעט אלץ גאווערנער איז צו האלטן ניו יארקער זיכער, און עס איז בלויז שכל'דיג צו מאכן פיסגייער און ביציקליסטן זיכערהייט אויפקלערונג אלץ א פאדערונג פאר דרייווערס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער געזעץ וועט העלפן פארמיידן עקסידענטס און ראטעווען לעבנס, און איך באדאנק מיינע שותפים אין די אסעמבלי און סענאט פארן דורכפירן די געזעץ צו מאכן אונזערע געסער זיכערער."

"האבנדיג אליין צווילינג יונגלעך, העלפט דער נייער געזעץ וואס פאדערט אז נייע דרייווערס זאלן לערנען איבער פיסגייער און ביציקליסטן זיכערהייט בעפארן באקומען א דרייווער'ס לייסענס זיכער מיך צו זיין רואיג", **האט ליוטענאנט גאווערנער דלגאַדאָו געזאגט.** "דער נייער געזעץ וועט העלפן פארמערן זיכערהייט פאר פיסגייער און ביציקליסטן און רעדוצירן פארוואונדעטע און פאטאליטעטן פון עקסידענטס."

געזעץ S.1078B/A.5084A לייגט צו מאטעריאלן צו די דרייווערס לייסענס קלאסן וואס רעכנט אריין אן איבערבליק איבער טראפיק געזעצן איבער די פאראנטווארטליכקייט פון קאר דרייווערס צו זיין פארזיכטיג פאר פיסגייער און ביציקליסטן. דער געזעץ פארלאנגט אויך אז פיסגייער און ביציקליסטן זיכערהייט זאל אריינגעלייגט ווערן אין די מאטאר וויהיקלס דעפּארטמענט (Department of Motor Vehicles, DMV) האנט בוך.

דאס אונטערשרייבן דעם געזעץ איז גאווערנער האקול'ס לעצטע שריט צו פארברייטערן טראפיק זיכערהייט. אין יוני האט גאווערנער האקול [אונטערגעשריבן א געזעץ]() צו נאכאמאל אויטאריזירן און פארברייטערן דאס באנוץ מיט ניו יארק סיטי סקול זאָון ספיד קאמעראס צו 24 שעה א טאג, זיבן טאג א וואך. פארגאנגענעם אקטאבער האט גאווערנער האקול [אונטערגעשריבן א געזעץ]() וועקשטעלנדיג א סקול באס דרייווער אויפקלערונג קאסע מיט די צוועק צו באשיצן די זיכערהייט פון סקול קינדער. פארגאנגענעם זומער האט גאווערנער האקול [אנאנסירט]() דאס פארענדיגונג פון 11.3 מיליאן דאלאר ווערט פון פיסגייער זיכערהייט פראיעקטן אין נעסאו און סופאָלק קאונטיס.

**סטעיט סענאטאר ענדרו גענאַרדעס האט געזאגט,** "פארזיכערן אז דרייווערס ווייסן וויאזוי צו מיטטיילן די ראודס זיכערהייט מיט פיסגייער און ביציקליסטן איז קריטיש צו האלטן אונזערע געסער ווי זיכער מעגליך. איך בין גאר באגייסטערט אז מיין געזעץ צו פאדערן אז דרייווערס זאלן אויסגעלערנט ווערן איבערן מיטטיילן די ראוד זיכערהייט איז אונטערגעשריבן געווארן דורך די גאווערנער, און איך קוק ארויס צו פארזעצן מיט אונזערע באמיאונגען צו ברענגען אן ענדע צו טראפיק געוואלדטאטן איינמאל פאר אלעמאל."

**אסעמבלי מיטגלידערין עמילי גאלעגער האט געזאגט,** "אויפקלערונג איז א קריטישע באשטאנדטייל פונעם בויען זיכערערע געסער, אבער פאר צו לאנג האבן ניו יארקע דרייווערס געקענט זיך אוועקזעצן אויפן ראוד אן לערנען די פונדאמענטאלע סקילס צו באשיצן פיסגייער און ביציקליסטן פון טויטליכע עקסידענטן. מיט גאווערנער האקול'ס היינטיגע אונטערשריפט, איז אונזער פארשלאג צו פארברייטערן די מאטעריאלן בעפארן באקומען א לייסענס יעצט אין די געזעץ. די וויכטיגע ארבעט מוז ווייטער אנגיין ביז אלע וועלכע באנוצן זיך מיט די ראוד זענען באשיצט."

**New York Bicycling Coalition (ניו יארק ביציקליסטן פארבאנד) עקזעקיוטיוו דירעקטארין קיט פיקעט האט געזאגט,** "די ניו יארק ביציקליסטן פארבאנד אפלאדירט גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן דעם שכל'דיגן געזעץ צו אויפקלערן נייע דרייווערס, און דערמיט מאכן אונזערע ראודס און געסער זיכערער פאר די מערסט אויסגעשטעלטע מענטשן וועלכע נוצן זיי. אונזערע מיטגלידער אין אלע ווינקלען פון די סטעיט באדאנקען די גאווערנער און לעגיסלאטור פאר די וויכטיגע טריט פאראויס."

**בייק ניו יארק (Bike New York) פרעזידענט און CEO קען פאַדזיבע האט געזאגט,** "מיר זענען גאר באגייסטערט אז גאווערנער האקול פארלאנגט אז ביציקליסטן און פיסגייער זיכערהייט זאלן אריינגעלייגט ווערן אין די DMV מאטעריאלן. בייק ניו יארק האט געקעמפט אז די פשוט'ע לייזונג זאל געשעהן פאר פילע יארן, ווייל פיסגייער און ביציקליסטן זענען די מערסט אויסגעשטעלטע באניצער פון די ראוד, און אויפקלערונג העלפט ראטעווען לעבנס. מיר זענען אלע גאר באזארגט איבער די אומאקצעפטירבארע העכערונג אין די צאל ביציקליסטן און פיסגייער וועלכע ווערן געהרג'ט דורך קארן, און מיר קענען נישט דאנקען די גאווערנער גענוג פאר איר פירערשאפט אין די קריטישע קאמף קעגן טראפיק געוואלדטאטן."

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון GObike Buffalo, דזשאָסטין בוט, האט געזאגט,** "דאס אריבערפירונג פון די געזעץ איןביידע לעגיסלאטורן און די אונטערשריפט דערפון איז די אנהויב פון א גרויסע טויש אין די ריכטונג פון פארמערטע זיכערהייט אין אונזערע קאמיוניטיס. די נייעסטע און וויניגסטע ערפארענע דרייווערס אין אונזער סטעיט וועלן יעצט באקומען קלארע אנווייזונגען איבער וויאזוי צו מיטטיילן די ראוד מיט ביציקליסטן געזעצליך און זיכער און זיי גיבן די רעכט צו פארן ווי עס קומט זיך און אזוי אויך פאר פיסגייער, און זיי מוזן אויפווייזן אז זיי פארשטייען די אנווייזונגען כדי צו באקומען זייער לייסענס. זיכערע געסער זענען די ציהל פון אונזער ארגאניזאציע און פארבאנד, און דער געזעץ וועט אונז ברענגען נאענטער צו דעם געזעץ."

**Transportation Alternative (טראנספארטאציע אלטערנאטיוו) דירעקטאר דעני העריס האט געזאגט,** "עס איז קריטיש וויכטיג אז אלע נייע דרייווערס זאלן וויסן וויאזוי צו דרייוון זיכערערהייט צו די זייט פון פיסגייער און מענטשן וואס פארן אויף ביציקלעך. מיר באדאנקען גאווערנער האקול, סענאטאר גענאַרדעס און אסעמבלי מיטגלידערין גאלעגער פארן מאכן די לייסענס קלאס אלץ א פאדערונג פאר אלע נייע דרייווערס די מאסנאם, צוזאמען מיט נאך 'עקסידענט געליטענע רעכטן און זיכערהייט געזעץ' (Crash Victim Rights and Safety Act, CVRSA) מאסנאמען וועלכע זענען דורכגעפירט געווארן דורך די לעגיסלאטור דעם יאר, וועלן העלפן מאכן די געסער ארום ניו יארק זיכער."

**פון די גרינדער פון Families for Safe Streets (פאמיליעס פאר זיכערע געסער), א טייל NYS Safe Streets Coalition (זיכערע געסער פארבאנד), עימי קאוהען האט געזאגט,** "אונזערע געסער זענען נישט נאר פאר קארן. דורכן מאכן אנווייזונגען איבער פיסגייער און ביציקל זיכערהייט א פאדערונג צו קענען באקומען א דרייווער'ס לייסענס, קען ניו יארק סטעיט זיכער מאכן אז אלע נייע דרייווערס ווייסן וויאזוי צו מיטטיילן די ראוד מיט אנדערע. אין א צייט ווען טראפיק געוואלדטאטן זענען אויף אן אויפשטייג אריבער די סטעיט, איז די עקסידענט געליטענע רעכטן און זיכערהייט געזעץ נויטיג מער פון סיי ווען בעפאר. די נייע דרייווער'ס לייסענס פאדערונג, צוזאמען מיט אנדערע CVRSA מאסנאמען וועלכע זענען אריבערגעפירט געווארן דורך די לעגיסלאטור, וועלן פארמיידן טויטליכע עקסידענטן."

###

נאך נייעס איז דא צו לייענען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | 518.474.8418 | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov)

[זיך ארויסשרייבן]()